פרשת וירא ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון כ"ו ||| שנה ב'

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

"להבין ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א



**פטרון סדר בראשית**
**הרוצה בעילום שמו**
לזכותו ולזכות משפחתו
לברכה והצלחה ברוחניות ובגשמיות


## בך בטחתי

### כי לא בכח יגבר איש;
גלייבן אין 'השתדלות' מאַכט בלויז קאַליע

יום שני דברים, ד' אב תשע"ט

א

## מה יעשה לי אדם; האַלטן אונזער מחשבה ריין פון זיך בוטח זיין אויף השתדלות

### 'השתדלות' דאַרף מען מאַכן אָבער מ'טאָר זיך נישט פאַרלאָזן דערויף

מיר האָבן געלערנט אין דער 'פּתיחה' צום 'שער הבטחון' די הייליגע ווערטער פון דעם בל חובת הלבבות:"**ואם יבטח על חכמתו ותחבולותיו וכוח גופו והשתדלותו, יעזבהו ה' לנפשו ויגע לריק ויחלש כוחו, ותקצר תחבולתו מהשיג חפצו**". - דאָס הייסט אַז די בטחון וואָס אַ מענטש האָט אין זיין השתדלות, דאָס מאַכט אַז די זאַך זאל למעשה נישט אַרבעטן און עס זאל קאַליע גיין.

טראָצדעם וואָס געוועגליך דאַרף מען טאַקע טון השתדלות, אָבער דאָס איז אַלעס ווילאַנג ס'ווערט געטון אין דעם נאָרמאַלן סדר הבריאה. אויב דער מענטש הייבט אן טון אויסטערלישע זאַכן און ער 'גייט אַרויס פון זיין וועג' פאר די פּעולות פון השתדלות, **ציייגט ער דערמיט אַז ער פאַרלאָזט זיך בלויז אויף זיינע תחבולות און אויף זיין חכמה**, און דעמאָלט וועט ער זען אַז ס'וועט נישט אַרבעטן!

די עיקר טעות וואָס מענטשן האָבן איז אַז צוליב דעם וואָס ס'איז דאָ אַזאַ ענין פון מאַכן 'השתדלות' מיינען זיי אַז דאָס העלפט טאַקע... באמת העלפט עס גאָרנישט! נאָכמער זאָגט אונז דער חובת הלבבות, אַז יעדעס ביסל וואָס מען פאַרלאָזט זיך אויף די השתדלות מאַכן מיר זיך בידים קאַליע די הצלחה, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל!

### ס'איז געווען אַ שאָד דאָס געלט ווייל די הצלחה וואָלט במילא אָנגעקומען...

איינס פון די סיבות פאַרוואָס מענטשן זענען אַזוי צעמישט ביי דעם ענין איז ווייל דער אויבערשטער האָט אַזוי אויסגעשטעלט אַז אַסאַך מאָל וועט דער מענטש סייווי באַקומען זיין הצלחה, אָפּגעזען וואָס פאַראַ סאָרט השתדלות ער האָט געטון, אָבער דער מענטש איז תולה אַז ער האָט דאָס באַקומען צוליב דעם וואָס ער האָט גענומען דעם שווערן וועג.

צום בייַשפּיל: איינער האָט געהאַט אַ לעגאַלע פּראָבלעם, האָט ער געצאָלט הונדערט טויזנט דאָלער פאר אַ גאָר טייערן לויער אין דער צייט וואָס ער וואָלט נישט געדאַרפט נעמען אַזאַ קאָסטבאַרער לויער; עס וואָלט געווען גענוג ווען ער נעמט אַ געווענליכן לויער און ער זיך בוטח אין השי"ת. ער וואָלט סייווי געהאָלפן געוואָרן. למעשה האָט ער יאָ גענומען דעם גרויסן לויער, און ער האָט טאַקע געווינען דעם געריכט. דער מענטש דרייט זיך אַרום זאָגן אַז נאך א מזל ער האָט געטון די אומגעווענליכע השתדלות ווייל אַזוי איז ער אַרויס מיט אַ געווינס!

באמת איז דאָס אָבער פּשוט אומריכטיג: אדרבה! דו וואָלסט במילא באַקומען די ישועה ווייל אַזוי האָט השי"ת געוואָלט, נאר וויבאַלד דו האסט זיך בוטח געווען אין דיין השתדלות האָט דיך די מעשה אָפּגעקאָסט הונדערט טויזנט דאָלער! וואָלסט געקענט באַקומען די זעלבע רעזולטאַטן פאר אַסאַך ביליגער, נאר דו האסט זיך אליינס מפסיד געווען צוליב דיין בטחון אין די השתדלות!

אַזוי איז דאָ נאָך אומצאָליגע דוגמאות וויאַזוי מענטשן זען דאָס בילד פּונקט פאַרקערט ווי דער אמת'ער מציאות! דער מענטש זאָגט: "זעסט דאך אַז מיין אָנשטרענגונג האָט געהאָלפן"... און ער כאַפּט נישט אַז ס'איז אים סייווי געווען באַשערט צו אַרויסגיין פון דעם פּראָבלעם, נאר היות ער האָט זיך בוטח געווען אין אַנדערע זאַכן, האָט דאָס אים יעצט אַריינגעצויגן אין אַסאַך געלט, טרחא און עגמת נפש, און צום סוף האָט ער באַקומען די ישועה וואָס האָט געדאַרפט געשען אויך אן די אַלע זאַכן!

### דאָס איז ממש אַ מלחמה מיט דער גאַנצער בריאה וואָס שרייט אַנדערש

ס'איז אונז זייער שווער דאָס צו אַריינבאַקן אין אונזער הארץ, ווייל כדי צו האָבן אָט די ריכטיגע בטחון דארף אַ מענטש נעמען זיין מהלך המחשבה און דאָס טוישן 'מקצה אל הקצה'! מיר דאַרפן משנה זיין אין אונזער קאָפּ סיי די אַלע מחשבות וואָס מיר זענען שוין צוגעוואוינט צו טראַכטן, און סיי אַלע 'הנחות' וואָס די גאַנצע בריאה זאָגט אונז אַז אַזוי אַרבעטן זאַכן...

כדי צו לעבן מיט דעם אמת'ן הרגשה פון בטחון בלויז אין השי"ת, דאַרף מען זיך פּשוט קריגן מיט אַגאַנצע וועלט, אַזוויוי אברהם אבינו ע"ה בשעתו. **ליידער איז די גאַנצע שפּראַך אויף דער גאַס, אפילו צווישן היימישע מענטשן, אָנגעפולט מיט 'בטחון אין די אייגענע תחבולות'.** עס עפּענען זיך ביי אונז כסדר פרישע 'קורסן' וואו מען לערנט א.ג. 'כלים' וואָס: "בלויז דורך די השתדלות קען מען מצליח זיין"... דאָס איז אַלעס שקר וכזב! **עס האָט נישט קיין איין 'אחוזה' פון אמת!**

אַ איד וואָס וויל זוכה זיין צו אמונה דאַרף אַלזאָ זיך קריגן סיי מיט דער גאַנצער וועלט און סיי מיט די לעצטע 30-40 יאָר וואָס ער אַליינס האָט אַזוי געלעבט!

### די בטחון אין השתדלות מאַכט אונז שאָדן בפועל ממש

עס מאַכט זיך אַמאָל אַ מענטש וואָס איז געגאַנגען צו אַזאַ סאָרט קורס וואו ער האָט זיך אָנגעפּולט מיט אַ פאַלשע 'מהלך מחשבה', וויאַזוי ער קען מ'כלומר'שט מצליח זיין מיט די פּאַסיגע טאַקטיקן און תחבולות. דערנאָך האָט ער געהערט אַ שיין ווארט אויף בטחון און ער שפּירט שוין גוט אַז ער איז אפילו אַ בעל בטחון. ווען ער גייט עוסק זיין אין פרנסה זאָגט ער בעפאָר אַ קאַפּיטל תהלים, אָבער שפּעטער וואונדערט ער זיך: "פאַרוואָס בין איך נישט מצליח?!"

זאָגט אים דער חובת הלבבות: ווייסט וויפיל טאָנען פון 'זיך פאַרלאָזן אויף דיין השתדלות' ליגט אָנגעלייגט אויף דיר?! **ס'איז דאָ ביי דיר אין מח אַ געוואַלד מיט 'בטחון אין השתדלות'! דאָס האַקט ליידער אָפּ די חיות פון דיין שפע!**

דאַרפסט דאך אַזוי שווער אַרבעטן, צו אויסוואַשן די אַלע אומריכטיגע מחשבות! מען דאַרף זיך גוט אריינלייגן די אמונה אין קאָפּ אַז מען זאָל נישט ווערן באַרירט פון די גאַנצע נושא פון השתדלות, און בלויז דעמאָלט וועט מען בעזה"ה זען אַ ברכה והצלחה!

### די עיקר באַדייט פון 'מלאכתן עראי' איז געוואָנדן אין דעם קאָפּ

די **גמרא** זאָגט אין **מסכת ברכות** (לה, ב) אַז די 'דורות הראשונים' האָבן געמאַכט 'תורתן קבע ומלאכתן עראי', דערפאַר האָבן זיי באַקומען ביידע, סיי תורה און סיי פרנסה. אָבער די 'דורות האחרונים' מאַכן 'מלאכתן קבע ותורתן עראי', דעריבער האַלט זיך נישט קיין איינס ביי זיי.

די באַגריף פון 'מלאכתן קבע' מיינט נישט בלויז די כמות פון צייט, נאָר **בעיקר גייט דאָס אַרויף אויפ'ן "קאָפּ", אויף די מהלך המחשבה פונעם מענטש!**

קיינער איז נישט פטור דערפון; אפילו איינער וואָס אַרבעט אַסאַך שעות **קען נאָך אַלס מאַכן 'מלאכתך ארעי' אין זיין מחשבה!** ווידעראום אויב אַ מענטש האַלט זיין מח גענצליך פאַרנומען מיט זיין השתדלות פאַר פרנסה, **הייסט דאָס אַז ער האָט געמאַכט "מלאכתו קבע", און דאָס ברענגט אַז "זה וזה לא נתקיימו בידן"** - ער מאַכט זיך אַליינס חרוב זיין פרנסה, ווייל ער טראַכט דערפון יומם ולילה.

מיר דאַרפן זיך משכנע זיין און זיך חזר'ן אומאויפהערליך אַז אַלע אונזערע "חכמתו ותחבולותיו וכוח גופו והשתדלותו" לייגט נישט צו גאָרנישט צו אונזער הצלחה, אפילו קיין האר נישט! דעמאָלט, אַז מען לעבט אַזוי, עפנט זיך אַן אַנדערע צינור פון שפע!

ב

## ה'דאגה' וה'יגון' מי התיר לך; ס'איז נישטאָ קיין שום 'היתר' צו זיין באַזאָרגט אויף פרנסה

### די הייליגע בליק פון צדיקים אויף די דאגות פאַר פרנסה

מען האָט שוין דערמאָנט דאָס וואָס דער '**מסילת ישרים**' שרייבט אַז די גאַנצע זאַך פון טון השתדלות איז בלויז ווי אַ שטייער וואָס יעדער אייניקל פון 'אדם הראשון' דאַרף אָפּגעבן, אָן קיין שייכות מיט די רעזולטאַטן. איז כדאי צו מעתיק זיין אַ מכתב קודש פון הגה"ק בעל **קדושת ציון מבאָבוב** זי"ע, צו אַ חסיד וועלכער האָט זיך באַקלאָגט אַז ער מוטשעט זיך שטאַרק מיט פרנסה.

דער קדושת ציון שרייבט אים צווישן אַנדערע: "עס האָט מיר זייער וויי געטון צו לייענען דיין שווערע מצב, אָבער איך מוז דיך זאָגן מוסר און תוכחה וואָס קומט פון גרויס אהבה וואָס איך האָב צו דיר.

"אַ מענטש דאַרף טאַקע עוסק זיין אין פרנסה, ווי עס שטייט וברכתיך בכל אשר תעשה, אָבער דאָס איז בלויז צו טון די השתדלות, נישט צו קרעכצן און דאגה'ן וואָס ברענגט נישט קיין נוצן. ווייל אפילו אַ מענטש וועט דאגה'ן אַ גאַנצן טאָג וועט ער נישט באַשאַפן אפילו איין שטיקל ברויט. אדרבה דאָס איז מבלבל די מחשבה און ס'איז מטמטם דאָס הארץ."

### דער 'היתר' איז בלויז אויף 'השתדלות', נישט אויף זאָרג און דאגה

דער קדושת ציון שרייבט דאָרט ווייטער אַ געוואַלדיגע יסוד: אַז ווען די תורה וואָלט נישט געגעבן קיין רשות צו עוסק זיין אין מסחר אָדער אַרבעט, וואָלט געווען אַ 'חטא' און אַן 'עוון פלילי' צו טראַכטן אפילו איינמאָל וועגן פרנסה!

אַ מענטש שטייט אויף צופרי, ער האָט ב"ה אַ קינדער געבענטשטע משפחה, ער דאַרף חתונה מאַכן, וכדומה, אָבער ווען נישט וואָס די תורה וואָלט מתיר געווען השתדלות **וואָלט געווען אַ 'מחשבת פיגול' און אַ גרויסע עבירה צו טראַכטן וועגן פרנסה!** דער מענטש וואָלט געמעגט נאָר אויפהייבן די אויגן צום הימל און נישט אריינלייגן אַ פינגער אין קאַלט וואַסער!

אָבער - שרייבט דער קדושת ציון - דער רבוש"ע האָט יאָ געוואָלט אַז דער מענטש זאָל האָבן אַן עול הפרנסה, דערפאַר דאַרף מען טאַקע עוסק זיין מסחר, דאָס איז פונקט ווי אַלע אַנדערע עבודת הקודש וואָס מ'דאַרף טון בזריזות און מיט אַ ריינע הארץ צו פאָלגן דעם רצון ה', **אָבער "הדאגה והגיון מי התיר לך?" - ווער האָט דיך מתיר געווען צו דאגה'ן און זיין טרויעריג וועגן פרנסה?!**

ס'איז כדאי דורכצולערנען דעם גאַנצן בריוו וואָס איז פול מיט יסודות הדת ואמונה. צווישן אַנדערע שרייבט דער 'קדושת ציון' אַ זיסע לשון, אַז ער זאָל נישט מקנא זיין אַנדערע שוואַכע מענטשן וואָס האָבן יאָ מצליח געווען מיט געלט, ווייל "יפה שעה אחת" פון לערנען 'באר מים חיים' און אַנדערע ספרי צדיקים, מער פון זייער גאַנצע פאַרמעגן...!

### די עיקר עבודה: געדענקן גלייך אָנהויב אַז השתדלות העלפט נישט

על כל פנים איז דאָס אַ גרויסע עבודה צו עוקר זיין די מהלך המחשבה וואָס די גאַנצע וועלט איז צוגעוואוינט דערצו און מיר אַליינס זענען יאָרן לאַנג געווען פאַרדרייט דערמיט, אַז מען קען זיך חלילה פאַרלאָזן אויף די השתדלות. די סאָרט מחשבה דאָס מאַכט פשוט קאַליע די הצלחה!

עס געדויערט טאַקע צייט אַז מען זאָל זיך אַליינס איבערמאַכן דעם מח, אָבער ווען טוט דאָס עפנט זיך אַ נייער צינור פון שפע און מען וועט זען אָפּן די הצלחה בעזה"ה.

דאָס איז לאו דוקא נוגע ווען עס קומט צו 'דאגות הפרנסה'. ווען דער חובת הלבבות אין דער פתיחה, וויל משכנע זיין דעם מענטש אַז מיט 'בטחון' וועט ער אַלעס האָבן, דערמאָנט ער ניטאַמאָל די נושא פון דאגות, ווייל נישט דאָרט איז די גרעסטע טעות פון מענטשן. צומאָל איז אפילו גרינגער נישט צו זיין פאַר'דאגה'ט ווען עס קומט אַ פּראָבלעם, ווייל מען ווייסט דאך אַז דאָס זאָרגן גייט סייווי גאָרנישט העלפן. דער פּראָבלעם איז נאָך אין אַנהויב, ווען מען איז בוטח אין די אייגענע השתדלות, דאָס איז אַ זאַך ווי אַסאַך מענטשן פאַלן אַריין און דאָס איז מונע די פרנסה!

### די פאַרביטערטקייט וואָס קומט פון 'בטחון בעצמו'

אַמאָל איז דאָ אַ מענטש וואָס ער טרעפט זיך אין אַ שטאַרקע ענגשאַפט, ער איז זייער פאַרקלעמט, הייבט ער אָן טון אַלע סאָרט השתדלות, און דאַן, נאָכ'ן זען אַז ס'אַרבעט נישט, ווערט ער אויפגערעגט אויף דאָס גאַנצע מענטשהייט. הערשט דעמאָלט כאַפּט ער זיך: "איין מינוט, אפשר דאַרף איך זיך ווענדן צום אויבערשטן און מתפלל זיין", אָבער ס'איז אים שוין זייער שווער צו דאַווענען, ווייל ער איז פאַרביטערט, ער האָט שוין אַלעס פּרובירט און ער האָט נישט געזען קיין ישועה, דאָס ברענגט אים אַ ביטערקייט און ס'מאַכט אַז ער זאָל נישט האָבן די כוחות זיך צו פאַרלאָזן אויף השי"ת.

ב"ה ה' לסדר הנני ממטיר לכם לחם מן השמים, תרצ"ט באבוב יע"א.

לידידי שאר בשרי האברך המופלג בתורה ויראה תלמיד ותיק בבית מדרשנו כש"מ שמואל יעקלי יחי' (יכונה) בערגער מבעטש.

מכתבך קבלתי ויותר ממה שכתבת קריתי מבין שורותך, וראיתי כי דלפה נפשך מתוגה והנך מלא דאגות על העתיד מהיכן ירק זה חי. ולמותר להבינך עד כמה ירדו דבריך אלה אלי לחדרי בטני דכתיבין ודקריין, כי זאת בין תבין ותדגיש מעצמך.

אמנם בכל זאת לא אעצור כוח לעבור על דבריך בשתיקה, ואוכיחך בתוכחה מגולה מאהבה מסתרת. שלא יבהלוך רעיונך כלל, רק תשים בטחונך בד' יתברך הזן ומפרנס לכל ומכין מזון לכל בריותיו אשר ברא.

הגם כי ניתן עול ברזל על האדם להביא טרף לביתו, ככתוב וברכתיך בכל אשר תעשה, **אבל זאת אומרת רק לענין עשיה והשתדלות, ולא להאנח ולדאוג שהוא ללא יועיל. ואם ידאג אדם כל היום** וכל הלילה לא יברא אפילו פרוסה קטנה, אדרבא הוא מבלבל את מחשבתו ומטמטם את לבו מבלי ידע אנה לפנות ומה לעשות.

ואלמלי לא ניתן רשות ממעל לעסוק במסחר או במלאכה, הלא היה חטא ועון פלילי להרהר אחר מדותיו של הקב"ה ולחשוב מחשבת פגול על המחיה ועל הכלכלה, **כי אם לישא עין לשמים ולא להושיט אצבע למים קרים.** אך כאשר עלה ברצונו הפשוט לשום עול הפרנסה על האדם, צריכין משרתיו עושי רצונו לעסוק במסחר וקנין בחריצות והרי הוא ככל עבודת הקודש עליהם, וצריך האדם לעשותה בזריזות ובלב שלם להשלים רצון קונו. **אבל הדאגה והיגון מי התיר לך.**

ואשר כתבת כי בני גילך, שהיו חבריך בימי נעוריך להבלים ולמעשים תעתועים, הם השגו חיל ו'שוכבים אדינרי', אל יקנא לבך בחטאים. וחוץ ממה שיש לך ברוך ד' להתהלל עם נחלתך, בעמלך בתורה הקדושה ובספרי מוסר, אשר רק בזאת יתהלל המתהלל השכל וידוע אותי. **ויפה שעה אחת מ"באר מים חיים" ומשאר ספרי צדיקים מכל הונם ורכושם, אשר בוודאי לבם ודעתם רחוק מזה.**

אלא אפילו במילי דעלמא אל יעלה עליך רוח הקנאה, כי האדם יראה לעינים ואינו יודע מטמנותיו של חבירו, ומי יודע אם הם אינם מתקנאים בך, האתה יודע רזי עולם כמה דאגות ואנחות הסובבים אותם מכל צד ואם היו מגלים לפניך מסתורם לא תחפוץ להחליף אותך עמהם, גם אם יתנו לך מלא ביתם כסף וזהב.

ומלבד זה לא עולה על לב אדם להתקנא בנחש אשר עפר יאכל ופרנסתו מצויה לו בניקל ובכל מקום שהוא לא יחסר לחמו. אך דנתי אותך לכף זכות, כי לעורר רחמים כתבת זאת, כאמור לדוד למה יאמרו וכו', ואני מסיים סיפא דקרא, כל אשר חפץ ד' עשה, וכן יהי רצון מלפני אבינו שבשמים להשביע נפש שוקקה ונפש רעבה ימלא טוב ותושע בקרוב בכלל כל המחכים לישועות ד'. כנפש שאר בשרו הדורש שלומו באהבה רבה.

ה"ק בן ציון הלברשטאם

זאָגט דערויף הרה"ק רבי **משה קאָברינער** זי"ע: "**עצביהם**" - ווייסט פאַרוואָס דער מענטש איז בעצבות און פאַרביטערט?! ווייל "**כסף וזהב - מעשי ידי אדם**" - ער האָט זיך איינגערעדט אַז דאָס געלט באַקומט מען דורך די מענטשליכע פעולות! דאָס איז נאָכדעם גורם אַז "**פה להם ולא ידברו**" - אפילו ווען ער וויל דאַווענען גייט עס נישט!

ער איז געווען אַזוי איבערצייגט אַז די "מעשי ידי אדם" גייט אים ברענגען דאָס געלט, אַז יעצט איז ער שוין אינגאַנצן אויפגעגעבן און צעבראָכן; אויב וואָלט ער נישט אַזוי געגלייבט אין דעם "מעשי ידי אדם" וואָלט ער געווען רואיג צו קענען דאַווענען און זיך פונה זיין להשי"ת.

## די אמונה אין 'מעשי ידי אדם' לייגט צוגרינד דעם מענטש

אַז מען וועט באַטראַכטן אַ איד וואָס האָט זיך נישט איינגערעדט אַז "כסף וזהב" איז "מעשי ידי אדם", וועט מען טרעפן אַ גליקליכער מענטש. מען קען אים באַמערקן נאָכ'ן דאַווענען שחרית, וואו ער זאָגט זיך מיט אַזאַ נעימות 'פרשת המן' מיט קאַפּיטלעך תהלים, ער צוזינגט זיך דערביי מיט אַ רואיגקייט און מיט אַ געפיל אַז בלויז דער אויבערשטער באַגלייט אים; ער לעבט זיך אין זיין וועלטל פון בטחון און קרבת ה'. נאָכדעם ווען ער גייט אַרויס צו דער פרנסה, זעט מען אַז **דער מענטש שוועבט ממש**, ער איז אַזוי בשמחה און פאַרזיכערט אין השי"ת אַז ער מוז נישט גלייך זען די הצלחה תיכף ומיד, **ער ווייסט אַז דער רבוש"ע פירט אים אויפ'ן בעסטן וועג.**

דער גרויסער ווייטאָג איז ביי אַנדערע מענטשן וואָס האָבן יאָ פּרובירט אליינס זיך צו אַן עצה געבן; ער האָט אַלעס געטון און יעצט איז ער אויסגעברענט. ווען אַ חבר זאָגט אים: "זיי מתפלל", ברומט ער זיך אונטער: "יאָ, זיי מתפלל"... ער איז נעבעך אויפגערעגט.

הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט דאָס גוט אַרויסגעזאָגט פאר יעדן איינעם: יעצט איז דיר שוין שווער זיך צו פאַרלאָזן אויפ'ן אויבערשטן און דאַווענען, **ווייסט פאַרוואָס?! ווייל דו האסט געגלייבט אין דיין 'כח המעשה'!** ביזט געווען זיכער אַז די מהלך פון דער וועלט אַרבעט יאָ, און יעצט ביזטו שוין אַזוי צעבראָכן און צעשאסן אַז דו ווילסט שוין נישט הערן פון עפּעס אַנדערש!

דעריבער איז אַזוי וויכטיג צו משריש דעם יסוד גלייך אָנהויב טאָג, באַלד אינדערפרי ווען די "כלי המעשה" פון דעם מענטש זענען נאָך אָפּגעשוואַכט, קען ער זיך גוט איינ'חזר'ן אַז "**מעשי ידי אדם" העלפט נישט גאָרנישט!** אַזוי וועט ער באַלאָכטן ווערן מיט די ריכטיגע דעת אַז ווען ער טוט אַ מעשה פון השתדלות זאָל ער זיך נישט בוטח זיין דערינען, און דאָס וועט אים ברענגען צו קענען דאַווענען און זיך פאַרלאָזן אויף השי"ת אַלעמאָל!

ג

# שתרחמינו עוד בגלותי לגאלינו; בטחון ברענגט אַריין דאס ליכטיגקייט פון 'בית המקדש' אין דעם חשכות הגלות

## די נעמען פון די טישן זענען פאַרדרייט געוואָרן נאָכ'ן חורבן ביהמ"ק

ס'איז דאָ אַ מורא'דיגע שטיקל אין ספה"ק **נועם מגדים** (פרשת בהר), אויף דעם וואָס די גמרא זאָגט אין **מסכת סוכה** (לד, א): "הני תלת מילי אשתני שמייהו מכי חרב בית המקדש וכו' פתורתא פתורא, פתורא פתורתא, למאי נפקא מינה למקח וממכר". דאָס הייסט אַז נאָך דעם חורבן בית המקדש האָט זיך געטוישט די נאָמען פון עטליכע זאַכן, צווישן זיי איז "פתורתא - פתורא", "פתורא - פתורתא".

בפשטות מיינט דאָס אַז די שפּראַך פון מענטשן האָט זיך געטוישט; אַמאָל האָט מען גערופן אַ גרויסע טיש מיט'ן נאָמען 'פתורא' און אַ קליינע טיש מיט'ן נאָמען 'פתורתא', (אַ שטייגער ווי מיר זאָגן אַ 'לעפל' און אַ 'לעפעלע'), אָבער נאָכ'ן חורבן ביהמ"ק האָט מען איבערגעדרייט די יוצרות, אַ גרויסע טיש רופט מען 'פתורתא' און אַ קליינע טיש 'פתורא'.

## אין אַ ליכטיגע וועלט זעט מען דעם אמת אַז 'אין עוד מלבדו'

זאָגט דער נועם מגדים אַז בפנימיות שטייט דאָ אַ טיפע זאַך: כדי צו אָנקוקן די וועלט מיט אַ ריכטיגן בליק, צו וויסן אַז בלויז דער אויבערשטער פירט יעדע זאַך, דאַרף מען האָבן אַ ליכטיגקייט, וואָס זאָל אַריינשיינען אין דער מחשבה אַז ס'זאָל טראַכטן די אמת'ע וועג.

## אותיות מחכימות

ספר הקדוש נועם מגדים (פרשת בהר) ד"ה וידבר

נראה בדרך נכון על פי אמרינו באמרם ז"ל (סוכה לד, א) הני תלת מילי אשתני שמייהו מכי חרב בית המקדש וכו' פתורתא פתורא, פתורא פתורתא, למאי נפקא מינה למקח וממכר. ופירש רש"י ז"ל דשולחן קטן היו -רגילין לקרות פתורתא ועכשיו קורין אותו פתורא, ופתורא לגדול ועכשיו קורין לו פתורתא.

והנראה כי יש פנימיות דברים בגו, דהנה אמרו רז"ל במסכת ברכות ריש פרק כיצד מברכין: **בוא וראה מה בין דורות הראשונים לדורות האחרונים, דורות הראשונים עשו תורתן קבע ומלאכתן עראי זה וזה נתקיימו בידן, דורות האחרונים עשו מלאכתן קבע ותורתן עראי זה וזה לא נתקיימו בידן.**

והנה העולמות העולם הזה והעולם הבא שניהם מכוונים בשם שולחן כאומרם ז"ל 'לאו כל אדם זוכה לשני שולחנות', ואמרו 'אל תתאווה לשולחנם של מלכים ששולחנך גדול משולחנם'.

וזהו כוונתם ז"ל תלת מילי וכו', והוא שפה אחת ודברים אחדים עם אמרם הנ"ל מה בין דורות הראשונים וכו', כן יאמר גם כאן דאישתני מכי חרב בית המקדש. **'פתורתא'** - מה שהיו קורין מקדם **'פתורתא'**, ועשו אותו עראי וקטן, היינו עסקי עולם הזה - 'פתורא', כעת הוא נעשה 'פתורא' ועושין אותו קבע. **'פתורא'** - עסקי עולם הבא ותורה שהי' מקדם **'פתורא'** - עכשיו אישתני, **'פתורתא'**, **ועושין תורתן ארעי.**

ואמר 'למאי נפקא מינה' רצה לומר מה יוצא להם מזה, תרצה לחשוב שעל כל פנים בעסקי העולם מרווחים ומרבים נכסים על ידי זה, לאו ולא כן הדבר, רק 'למקח וממכר' שקונה הרבה ומוכר הרבה, זבין וזבין, **אבל אינו מרויח יותר** בשביל רבוי העסק.

והנה ענין שתי כיתות הללו, כת העושין תורתן קבע ומלאכתן עראי וחילופיהן, מאי טעמא הללו העושין לעצמן בדרך זה והללו בדרך זה, **זה בא מחמת גודל בטחון ואמונה וחילופיהן מקטני אמנה.** כי העושים מלאכתן קבע ותורתן עראי הוא בחשבתם שכחם ועוצם ידם וריבוי סחורתם ומלאכתם עושה להם את החיל הזה, ולא ה' פעל כל זאת, לזה יום ולילה לא ישבותו מהרבות במלאכתם ואומנותם ותורתן עראי.

אבל כת העושים תורתם קבע המה צדיקים וישרים בלבותם, בעלי בטחון ואמונה רבה, **ויודעים שאין השכר והרויח מריבוי העסק דווקא רק ממי שהעושר שלו וזן ומפרנס לכל ברואיו**, שקצת עשי' צריך האדם לעשות וברכך בכל אשר תעשה כתיב, אבל 'אין מעצור לה' להושיע ברב או במעט', ובאמת לפי גודל אמונתם איז לא היו עושים כלל גם עשיית העראי, אך שהוא ממהכרח מהאדם שמעשה ידיו אל ירף ובכל אשר תעשה כתיב, אבל מיעוטו יפה ורובו קשה **אם שנשרש אצלינו האמונה האמיתית, דהעיקר הריוח והמצאת שכר מהבורא אמיתי המשפיע**, ואין מעצור לה' להושיע ברב או במעט העסק.

**אַ איד וואָס איז זוכה צו האָבן אָט דעם ליכטיגקייט, זעט ממש בחוש אַז די 'פּעולות' העלפט נישט און בלויז די 'אמונה' העלפט אים.** ווידעראום איז איידער דאָ אַסאַך מענטשן וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו דעם ליכטיגקייט, דעריבער קען מען הערן ווי זיי זאָגן: "למעשה זעה איך נישט אַז בטחון זאל העלפן, איך זעה נאר אַז אויב איך טו עפּעס למעשה געשעט עס"...

ווען די וועלט איז ליכטיג דעמאָלט זעט מען גרינגער דעם אמת, אַז דער רבוש"ע פירט יעדע זאַך; אָבער ווען ס'איז טונקל דעמאָלט איז שווערער דאָס צו זען בחוש, הגם **אויב מען איז זיך מתבונן שטאַרק דעמאָלט קען מען דאָס אויך זען, אפילו אין דער פינסטערניש.** מען דאַרף נאר צולייגן אַסאַך מער התבוננות אַז מען זאָל דאָס טאַקע זוכה זיין צו באַמערקן.

### אין די צייטן פונעם ביהמ"ק האָט מען קלאָר געזען אַז השתדלות העלפט נישט

דאָס איז דער חילוק צווישן די צייטן ווען ס'איז געווען אַ בית המקדש און דערנאָך. אמאל איז געווען ווי חז"ל זאָגן: **"דורות הראשונים עשו תורתן קבע ומלאכתן עראי, זה וזה נתקיימו בידן"**, ווייל בזמן שבית המקדש היה קיים האָבן מענטשן געזען קלאָר אַז מ'דאַרף טאַקע טון השתדלות אָבער **זייער קאָפּ איז נישט געליגן אין דעם!** זיי האָבן געוואוסט אַז: "אויב איך גיי זיך פאַרלאָזן אויף מיין השתדלות גיי איך זיך חרוב מאַכן מיין פּרנסה!"

די צוויי וועלטן, 'עולם הזה' און 'עולם הבא' ווערן אָנגערופן 'שלחנות', ווי מען געפינט דאָס לשון פון חז"ל: "לאו כל אדם זוכה לשתי שלחנות". לויט דעם איז דער 'נועם מגדים' מסביר וואָס די גמרא זאָגט, אַז **אין די צייטן פון דעם בית המקדש האָבן מענטשן געוואוסט אַז דער 'עולם הזה' איז אַ 'פתורתא' - אַ קליינע טישעלע, און דער 'עולם הבא' איז אַ 'פתורא' - אַ גרויסער טיש.** זיי האָבן געוואוסט אַז **די השתדלות איז בלויז אַ קליין טישל וואָס מען דאַרף ערלעדיגן**, אָבער די הנאה און די חיות דאַרף מען נעמען פון דעם רבוש"ע.

### נאָכ'ן חורבן ביהמ"ק איז מען זיך טועה מיט'ן אמת'ן בליק אויף השתדלות

ליידער נאָכדעם וואָס דער ביהמ"ק איז חרוב געוואָרן האָבן מענטשן אָנגעהויבן לעבן אין אַ טעות. **דאָס 'קליינע טישל' איז געוואָרן גרויס אין זייערע מחשבות!** ס'איז אַראָפּגעקומען אַ טונקלקייט אויף דער וועלט און ס'איז אַסאַך גרינגער זיך צו אַריינרעדן דעם שקר אַז: "ווייל איך האָב געטון אַזוי און אַזוי האָב איך מצליח געווען"...

דערפאַר הערט מען מענטשן קרעכצן אַז ס'איז נישטאָ קיין געלט ביים היימישן ציבור... די פּרייזן פון דירות זענען אַרויף... אַלעס ווערט טייערער, היוקר יאמיר... דאָס איז ווייל די וועלט איז געוואָרן טונקעלער און **מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַריינלייגן זייער קאָפּ - נישט בלויז זייער צייט - אין דער השתדלות פאר פּרנסה!** דערפאַר איז דאָ טאַקע דאָ ווייניגער פּרנסה און ווייניגער תלמידי חכמים, ווי חז"ל זאָגן: **" דורות האחרונים עשו מלאכתן קבע ותורתן עראי, זה וזה לא נתקיימו בידן".**

אַנדערש איז געווען בזמן שבית המקדש הי' קיים, ווען מען האָט געהאַט די ריכטיגע שכל צו מאַכן: "תורתן קבע ומלאכתן ארעי" און דערפאַר איז געווען: "זה וזה נתקיים בידם"! - מען איז געזיצן רואיג 'איש תחת גפנו ותחת תאנתו' אָן קיין דאגות הפּרנסה!

### די שפע איז געקומען צוליב די ריינע אמונה פון אידישע קינדער

אין דעם שטיקל נועם מגדים ליגט אַ טיפע דערהער: ווייסט פאַרוואָס ס'איז געווען אַ שפע בזמן שבית המקדש הי' קיים?! נישט בלויז ווייל ס'איז דעמאָלט געווען אן השראת השכינה, **נאר ווייל מענטשן האָבן דעמאָלט געוואוסט וואו זייער מח דארף זיך געפינען!**

די עבודה אין דעם ביהמ"ק האָט געברענגט אַ ליכטיגקייט אויף דער וועלט אַז **אידן האָבן געהאַט די ריכטיגע מחשבות פון בטחון, און דאָס האָט זיי אויטאָמאַטיש געברענגט אַ שפע!** ווייל די גאַנצע שפע ליגט אין דעם מח פון אַ איד! אויב ער טראַכט ריכטיג ברענגט ער די הנהגה פון שפע!

דאָס באַדייט אויך אַז אַ איד וואָס אַרבעט אויף זיין מחשבה צו האָבן אַ ריינע אמונה, איז חוץ מזה וואָס ער ברענגט אויף זיך אַ שפע פון פּרנסה, **ברענגט ער למעשה אַראָפּ אויף דער וועלט אַ ליכטיגקייט פון 'גאולה'!** ער ברענגט צוריק דעם 'אור' פון 'בית המקדש' וואָס דעמאָלט האָבן מענטשן אַזוי געשפּירט און דערפאַר האָבן זיי טאַקע געהאַט אַזאַ געוואַלדיגע שפע פון 'איש תחת גפנו ותחת תאנתו'.

### צדיקים האָבן געלעבט בית המקדש'דיג מיט א לויטערע אמונה

דערפאַר זאָגן חז"ל (איכ"ר א, לז): **"קשה סילוקן של צדיקים יותר משריפת בית אלקינו"**, ווייל ביי צדיקים וואָס לעבן מיט די ריכטיגע אמונה אויף יעדן טריט און שריט, איז כאילו ס'איז נישט דאָ קיין 'חורבן בית המקדש' אפילו היינט צוטאָגס!

דער גאַנצער הפסד פון 'חורבן ביהמ"ק' איז ווייל דעמאָלט איז די וועלט געוואָרן טונקעלער און מען לעבט שוין נישט מיט אַזאַ שטאַרקע אמונה, אָבער **אַ צדיק וואָס האָט אַ ליכטיגקייט אין מח מיט דער ידיעה אַז 'אַלעס פירט דער אויבערשטער', ביי אים איז נישט דאָ קיין חורבן ווילאַנג ער לעבט!** הערשט ווען דער צדיק ווערט נסתלק איז דאָס כשריפת בית אלקינו.

אַ איד קען אויסאַרבעטן זיין מח אַז ער זאָל זיין אין דער וועלט און ס'זאָל נישט רעדן צו אים די אַלע פּעולות פון השתדלות! עס זאָל קענען ליגן אויפ'ן טיש אַ מיליאָן דאָלער, און דער איד

האָט נישט וואָס צו עסן אָבער ער גייט דאָס נישט נעמען, ווייל עס רירט אים בכלל נישט אָן, ער גלייבט אַז זיין השפעה קומט פונעם אויבערשטן אליינס! מיר האַלטן נישט ביי דער מדריגה **אָבער אַ מענטש דאַרף פּרובירן וויפיל ער קען צו כופר זיין אין דער פאַלשער 'מהלך הבריאה', ווי כאילו השתדלות ברענגט די הצלחה.** צדיקים האָבן געאַרבעט אויף דעם אַגאַנץ לעבן!

## די כח פון צדיקים צו באַלייכטן אידישע קינדער מיט די אור פון בית המקדש

הרה"ק רבי **מרדכי לעכאוויטשער** זי"ע האָט געזאָגט: "ווען עס קומט צו מיר אַ איד מיט אַ בקשה, בין איך אים נישט ממשיך אַ ישועה, נאר כ'ברענג אין אים אַריין אַזויפיל אמונה, אַז ער אליינס ברענגט זיך אַראָפּ אַ ישועה דורך זיין אמונה!" דער הייליגער לעכאוויטשער זי"ע פלעגט טאַקע זאָגן 'אני מאמין' מיט אידן וואָס זענען געקומען צו אים, ביז ער האָט אַריינגעשיינט אין זיי אַ לויטערע אמונה.

ביי צדיקים איז געווען אַזוי ליכטיג, אַז פאַר די מענטשן וואָס זענען געווען נעבן זיי איז אויך געוואָרן ליכטיג! ווען מען איז געגאַנגען צו די פריערדיגע צדיקים האָט מען באַקומען אַביסל פון דעם 'אור' פון דעם בית המקדש, מען האָט זיך דערמאַנט וועלכע מחשבות זענען אמת און וועלכע זענען שקר.

## אַ איד קען איבערדרייען דעם 'חושך' פאַר אַן 'אור'

די סיבה פאַרוואָס האָט טאַקע דער רבוש"ע געמאַכט אַז ס'זאָל אויסזען כאילו די הצלחה קומט פון השתדלות, און אַז ווער ס'מאַכט מער השתדלות איז מער מצליח, שטייט שוין אין ספרים הק' אַז ס'איז דאָ דערויף אַסאַך תשובות.

איינס פון די סיבות איז צו מנסה זיין דעם מענטש, און אויך **כדי אַז אַ איד זאָל קענען אַליינס אַריינברענגען דעם 'אור' אין דעם 'חושך'.** ס'איז דאָך נישט קיין לייכטע זאַך אַז מען זאָל בכלל נישט נתפעל ווערן פון דעם חשבונות און מען זאָל האָבן די כוחות צו כופר זיין אין די גאַנצע שקר פון 'גלייבן אין השתדלות'.

די אידן וואָס האָבן געאַרבעט דערויף, זענען שפּעטער בחוש די אמונה, **זיי טאַפּן אָן דעם אמת און זיי לאַכן פון דער גאַנצער עולם הזה'דיגער בליק!** אפילו היינטיגע צייטן קען מען זוכה זיין צו כופר זיין אין דעם 'חושך' און אָפּלאַכן פון די אמונה וואָס די וועלט האָט אין 'מעשי ידי אדם'!

## צופיל השתדלות איז אַ סימן אַז מען גלייבט אין השתדלות

די משנה זאָגט אין מסכת קידושין (פ"ד מי"ד): **רבי שמעון בן אלעזר אומר ראית מימיך חיה ועוף שיש להם אומנות? והן מתפרנסין שלא בצער! והלא לא נבראו אלא לשמשני, ואני נבראתי לשמש את קוני, אינו דין שאתפרנס שלא בצער?! אלא שהרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי.**

רבי שמעון בן אלעזר פרעגט: האסט אַמאָל געזען אַ חי' אָדער אַן עוף וואָס דאַרף אַרבעטן שווער פאַר זיין פרנסה?! ס'איז דאָ מיליאָנען בעלי חיים וואָס זיי באַקומען אַלעס וואָס זיי דאַרפן, **פאַרוואָס בלויז דער מענטש מוטשעט זיך אַוועק, און ער דאַרף טון און שוויצן ביז ער באַקומט זיין פרנסה?!** ענטפערט די משנה: "אלא שהרעותי מעשי וקפחתי את פרנסתי" - די בעלי חיים האָבן דאָך נישט קיין בחירה, האָבן זיי נישט קיין עבירות, דערפאַר באַקומען זיי אַלע זייערע באַדערפענישן. אָבער דער מענטש וואָס האָט געזינדיגט דאַרף זיך אָנשטרענגען.

האָט הרה"ק רבי **יחיאל מיכל מזלאָטשוב** זי"ע געטייטשט אַז דאָ ליגט נאָך אַ נקודה אין די ווערטער פון חז"ל; באמת לויפט די פרנסה נאָך יעדע בריאה, פונקט ווי יעדע חי' און בהמה באַקומט פרנסה, וואָלט אויך דער מענטש געדאַרפט באַקומען זיין פּרנסה. זאָגט די משנה: "הריעות" - **ווייסט פאַרוואָס דער מענטש איז נישט מצליח?! ווייל "את מעשי" - ער גלייבט אין זיינע מעשים! ער מאַכט אַ ריבוי פון השתדלות!** דאָס איז גורם אַז ער זאָל נישט באַקומען קיין פרנסה!

די 'ריבוי השתדלות' איז אַ סימן אויף 'בטחון בהשתדלות'. **ווען אַ מענטש טוט השתדלות מער ווי דער גבול, איז דאָס איז סימן אַז ער גלייבט אין דעם און ענדגילטיג וועט דאָס חלילה חרוב מאַכן זיין הצלחה!** זיין מח איז אַזוי שטאַרק 'אדוק' אין דער השתדלות אַז דאָס מאַכט אַז ער זאָל חלילה פאַרלירן די פרנסה!

אודאי דאַרף מען טון די השתדלות וואָס פאַרלאַנגט זיך; ס'איז דאָ אַמאָל אַ מענטש וואָס איז פויל און ער טוט גאָרנישט, נישט וויבאַלד ער איז אַזאַ גרויסער 'בוטח' נאר ווייל זיין תכונת הנפש איז אַזאַ סאָרט... נישט דאָס איז די רעדע דאָ. די 'נקודת הדברים' איז אַז: **דער מח פון דעם מענטש זאָל זיין קלאָר אַז זיין בטחון קומט בלויז פון השי"ת.**

מ'קען דאָס זען בחוש מיט די פליישיגע אויגן, אַז די סאָרט אידן וואָס טוען זייער השתדלות אָבער זייער מח פאַרלאָזט זיך בלויז אויף השי"ת ווערן באַגלייט מיט אַ ספּעציעלע 'סייעתא דשמיא'! דער רבוש"ע היט זיי אָפּ, מעגליך אַז זיי הייסן נישט די גרויסע עשירים פון שטאָט, אָבער זיי האָבן אַ גליקליך לעבן אָן קיין חובות און מיט אַ רואיגקייט, ווייל די בטחון גיט זיי די וואונדערליכע 'צינור' פון געבענטשטע שפע טוב!

# שנים מקרא ואחד תרגום

## לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הציבור;

די געוואַלדיגע רווחים וואָס מען פאַרדינט פון לערנען די פרשת השבוע

יום ה' בראשית - כ"ד תשרי ה'תשפ"ב

א

# הלומד על מנת לעשות מספיקין בידו; די ריכטיגע צוגאַנג צו דעם חיוב פון 'מעביר סדרה' זיין

## דער חיוב מדינא דגמרא ושו"ע

ווען מען שטייט ביים אָנהויב פון דאָס נייע יאָר איז אַ 'זמן גרמא' צו עוסק זיין אין דעם ענין פון מעביר זיין די פרשת השבוע, שנים מקרא ואחד תרגום, און וויאַזוי דאָס צו טון אויפ'ן ריכטיגן אופן.

די גמרא ברענגט אין **מסכת ברכות** (ח, א): "אמר רב הונא בר יהודה אמר רבי אמי: לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הצבור שנים מקרא ואחד תרגום". און

די גמרא לייגט צו אַז "ואפילו עטרות ודיבן", דאָס זענען אַזעלכע פסוקים וואָס עס קוקט אויס אַז דער תרגום איז גאָרנישט מוסיף, **"שכל המשלים פרשיותיו עם הצבור מאריכין לו ימיו ושנותיו"**. און אַזוי ווערט טאַקע גע'פסק'נט אין שלחן ערוך להלכה.

## די תועלת וואָס מען באַקומט פון הערן 'קריאת התורה'

דער **'חינוך'** אין דער הקדמה צו זיין ספר, גיט אונז דעם ריכטיגן בליק וויאַזוי אַ מענטש דאַרף צוגיין צו דער מצוה. דער חינוך שרייבט אַז איינס פון די מצוות וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן - וואָס איז נישט סתם אַ מצוה נאר אַן 'עיקר ויסוד' וואָס אַלע מצוות זענען אָנגעהאַנגען אויף דעם - איז די מצוה פון 'לימוד התורה'; ווייל ווען לערנט די תורה בויעט זיך אויף ריכטיג אונזער גאַנצע אידישקייט, מען

**אותיות מחכימות**

ספר החינוך בסוף ההקדמה

אחת מן המצוות והיא עיקר ויסוד שכולן נשענות עליו היא מצות לימוד התורה, כי בלימוד ידע האדם המצוות ויקיים אותן. ועל כן קבעו לנו חכמינו זכרונם לברכה (ב"ק פב. א) לקרות חלק אחד (כלומר, פרשה אחת) מספר התורה במקום קיבוץ העם שהוא בית הכנסת, לעורר לב האדם על דברי התורה והמצוות, בכל שבוע ושבוע עד שיגמרו כל הספר, ולפי מה ששמענו רוב ישראל נוהגים היום לקרותו כולו בשנה אחת. ועוד חייבונו חכמינו זכרונם לברכה לקרות כל אחד ואחד מישראל בביתו בכל שבוע ושבוע כמו שקורין אותו במקום הקיבוץ, וזהו אמרם זכרונם לברכה (ברכות ח, א) לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הצבור, כדי שישכיל בדברים יותר בקרותו אותו בביתו.

באקומט א קשר צום אויבערשטן דורך לימוד התורה!

זאגט דער חינוך אז דאס איז די סיבה פארוואס חכמינו ז"ל האבן מתקן געווען אז מען זאל ליינען איין חלק פון דער תורה יעדע וואך אין בית הכנסת, **"לעורר לב האדם על דברי התורה והמצוות"** - ווען מען וואלט נישט מתקן געווען צו ליינען די פרשה יעדע וואך, וואלט געווען א מושג פון א איד וואס דרייט זיך ארום און לערנט נישט גארנישט, ער ווייסט נישט וואס צו טון ווייל דאס לעצטע מאל ער האט געלערנט די פסוקים דערפון איז געווען עטליכע יאר צוריק... **מען דארף ליינען די תורה נישט בלויז צו געוואויר ווערן זאכן וואס מ'האט נישט געוואוסט, נאר אויך זיך צו דערמאנען און חזר'ן די זאכן וואס מען האט שוין יא געלערנט!** דערפאר האט מען מתקן געווען 'קריאת התורה'.

## 'מעביר סדרה' זיין איז געמאכט צו קענען זיך בעסער מתבונן זיין אין די פסוקים

דער חינוך זאגט ווייטער אז אויסערדעם האבן חכמינו ז"ל מחייב געווען אז **יעדער יחיד מישראל דארף אליינס לערנען אין זיין שטוב יעדע וואך די פרשה וואס מען ליינט אין בית הכנסת!** יעדער איד דארף מיטהאלטן דעם זעלבן סדר וואס דער ציבור לערנט יעצט.

און דא לייגט דער חינוך צו עטליכע ווערטער וואס מ'דארף גוט אפלערנען: **"כדי שישכיל בדברים יותר"**. - דאס הייסט אז לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס האט מען קובע געווען אז יעדער דארף אליינס מעביר סדרה זיין?! מען ליינט דאך די גאנצע פרשה אין שול, מ'קען דארט הערן וואס דער אויבערשטער זאגט אונז, איבערהויפט אז ס'איז דאך ידוע וואס שטייט אין זוהר הק' אז יעדע קריאת התורה אין ביהמ"ד איז א מעין פון 'מעמד קבלת התורה', אויב אזוי פארוואס איז דאס נישט גענוג?!

ערקלערט דער חינוך אז די טעם דערפון איז "כדי שישכיל בדברים יותר" - **ווען א מענטש לערנט ביי זיך אינדערהיים האט ער א מעגליכקייט זיך צו בעסער מתבונן זיין אין די ווערטער פון דער תורה!** ווען מען הערט דאס ליינען אין שול קען מען נישט זאגן פאר'ן בעל קורא: "כ'מיין אז כ'האב דא א קשיא, כ'האב נישט אזוי גוט פארשטאנען דעם פסוק"... דעריבער, כדי צו קענען ריכטיג אפלערנען די פרשה, און כדי צו קענען ארויסנעמען אלעס וואס איז נוגע פאר'ן מענטש, **דארף מען דאס לערנען פאר זיך, אויסערדעם וואס מען הערט דאס אויס ביי קריאת התורה.**

אזוי פארדינט מען ביידע; סיי מען הערט דאס ליינען פון א כשר'ע ספר תורה מיט די אלע מעלות דערפון, און סיי האט מען די מעגליכקייט צו גוט לערנען די פרשה, וואס איז אזוי קריטיש וויכטיג, אז מען זאל זיך קענען אפשטעלן און מתבונן זיין ביים לערנען די פסוקים.

## 'משלים זיין' וואס מ'האט געהערט ביים ליינען אין ביהמ"ד

מען קען זאגן בדרך צחות אז לויט דעם חינוך איז דא נאך א טייטש אין די ווערטער "לעולם ישלים אדם פרשיותיו עם הציבור", אז **מען דארף משלים זיין דאס וואס מען האט געהערט ביי 'קריאת התורה'!** האסט טאקע געהערט דעם פסוק ביים ליינען, אבער **יעצט דארפסטו עס פארשטיין און ארייננעמען אין הארץ!** דארפסט עס אפלערנען מיט אסאך מער ישוב הדעת, - יעדער לויט זיין אייגענע מהלך, ווי לאנג עס געדויערט אים צו פארשטיין און גריגטליך לערנען - כדי צו זען וויאזוי דאס האט שייכות מיט דיין מצב אין לעבן!

יעדער האט דאך זיינע פסוקים וואס ווען ער לערנט דאס שפירט ער אז דאס רעדט ממש צו אים. עס האט נישט קיין גבול וויפיל מ'קען הערן און מקבל זיין פון די הייליגע פסוקים! אויסערדעם האט דער אויבערשטער ספעציעל אזוי אויסגעשטעלט אז **ווען א איד איז מחליט צו לערנען די פרשיות התורה באקומט ער א באזונדערע סייעתא דשמיא צו טרעפן אין יעדע פסוק זאכן וואס איז אים נוגע.** די תורה קען מאכן ליכטיג דאס לעבן![א] מען דארף בלויז פאלגן די הלכה, זיך צו אראפזעצן און דורכלערנען די וואכנדיגע פרשה מיט דעם ריכטיגן צוגאנג.

## דאס לשון פון של"ה הק': "יתבונן במה שקורא"

ענליכע ווערטער שטייט אין **של"ה הק'** (שבת, נר מצוה אות יז) וואס זאגט דעם זעלבן יסוד, אז די סיבה פארוואס חז"ל האבן אזוי אוועקגעשטעלט אז א מענטש זאל דארפן מעביר סדרה זיין יעדע וואך, איז ווייל ס'איז דא אזויפיל פרטים אין דער תורה וואס איז וויכטיג פאר'ן גאנצן לעבן, צו וויסן וויאזוי זיך צו פירן ווי אן ערליכער איד, און **אויב וועט ער נישט מעביר סדרה זיין וועט ער דאס קיינמאל נישט וויסן!**

פארדעם האט מען קובע געווען דעם חיוב פון לערנען די סדרה 'שנים מקרא ואחד תרגום', **כדי אז א מענטש זאל קענען כפשוטו זיך אויסלערנען דעם ריכטיגן וועג; סיי די 'מצות התורה', סיי די 'מדות' און סיי די 'דרכי מוסר'**, וואס דאס וועט ער באקומען אויב ער וועט מעביר סדרה זיין אויף אן אופן פון "ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים".

א איד דארף דאך קענען די מצות, ער דארף וויסן אזויפיל זאכן וואס ער איז מחויב צו טון; דא דארף ער לייגן א מזוזה; דא דארף ער בודק זיין זיינע תפילין; דא איז ער געווארן מחויב מיט א 'מעקה'; און נאך אזויפיל פשוט'ע זאכן וואס מ'דארף זיין נזהר דערינען. **דערפאר דארף מען לערנען די פרשת השבוע, כדי צו וויסן וואס מקיים צו זיין.** דערנאך איז דא די 'מדות' און די 'דרכי מוסר' פון די פסוקי התורה וואס מען דארף פונקט אזוי וויכטיג לערנען און וויסן.

## מען קען דורכדעם באקומען די ריכטיגע בליק אין לעבן

אין אנדערע ווערטער זאגט אונז דער של"ה הק': **זיי מיר נישט 'מעביר סדרה' שנעלערהייט, קוקנדיג די גאנצע צייט וויפיל פסוקים דו האסט נאך צו ענדיגן...** טו מיר א טובה, זיי נישט קיין פלאכער מענטש, וואס נעמט די הלכה און טוט אויס די גאנצע נשמה דערפון, דורך מקיים זיין דעם חיוב אויף די קרומסטע אופן וואס קען נאר זיין... לעב נישט אין אזא טעות! **'מעביר סדרה זיין' מיינט אז מען לערנט די תורה! מען וויל פארשטיין וואס דער רבוש"ע וויל פון מיר!** מען וויל באקומען די ריכטיגע בליק פון דער תורה אויף אונזער לעבן!

ס'איז דאך דא אזויפיל פארדרייטע השקפות צווישן אונז, וואס מענטשן לעבן אזוי און זיי נעמען נאך 'חיות' דערפון, ווייל זיי מיינען אז דאס איז קלוג, בשעת וואס אין דער תורה שטייט בפירוש אז דער וועג איז נישט אויסגעהאלטן און ס'איז טפשות. מיר לעבן אסאך מאל אויף אזא נארישע וועג, און **טאקע פארדעם האט מען אונז געגעבן דעם חיוב פון מעביר סדרה זיין! פארוואס זאלן מיר עס נישט טון ריכטיג?!** ס'איז דאך א לייכטער לימוד! מילא ווען מ'רעדט פון א שווער שטיקל גמרא, אבער דא דארף מען בלויז לערנען חומש מיט רש"י וואס איז איינאנצן נישט שווער צו פארשטיין, דאס אויך נישט?!

## קונה געווען געוואלדיגע לימודים ביי 'משנה תורה'

א איד האט פארציילט אז דאס יאר הושענא רבא ביי 'משנה תורה' האט ער מחליט געווען אז אנשטאט צו זיין פארנומען ציילן וויפיל בלעטער ער האט נאך אין דעם חומש דברים, גייט ער פרובירן צו טראכטן און זיך מתבונן זיין וואס עס שטייט אין די פסוקים... דער איד איז ממש נשתומם געווארן ווען ער האט זיך באקענט מיט די הייליגע זיסע

---

א. וכנודע מדברי ה'חתם סופר' עה"פ גם עדותיך שעשועי אנשי עצתי (הו"ד בדרשותיו לסוכות שנת תקכ"ץ בהגה"ה). ראה עוד 'אגרא דכלה' בראשית (ד"ה מסרה וירא אלקים את האור). ומיוסד על מה שאמרו ז"ל במדרש תנחומא (יתרו): אם בקשת ליטול עצה מן התורה הוי נוטל.

פסוקים, ווי ער האָט זיך אויסגעדרוקט: "**כ'האָב געטראָפן די שענסטע מוסר ספר**"... ער האָט גענומען אַזאַ חיזוק פון יעדע פּרשה, ווי משה רבינו רעדט צו אידן מיט אַזעלכע וואַרימע ווערטער. **דאָס איז די עבודה אויף יעדן איינעם ווען מען איז 'מעביר סדרה' - זיך צו מתבונן זיין אין די פּסוקי התורה!**

## פאַרשטיין די מצות פון יעדע פּרשה

דער **של"ה הק'** שרייבט אויף אַ נאָך אַ פּלאַץ, אין דער הקדמה צו זיין ספר 'שני לוחות הברית' חלק תורה שבכתב, אַז דער ענין פון 'מעביר סדרה' זיין 'שנים מקרא ואחד תרגום' איז די כוונה אַז **דער מענטש זאָל זיך מתבונן זיין אין יעדע פּרשה, צו פאַרשטיין די 'ענין המצוות' וואָס שטייט אין דער פּרשה.**

דער של"ה הק' לייגט דאָרט צו אַז אפילו אין די פּרשיות וואו עס שטייט נישט קיין מצוות, לערנט מען אָבער 'ענפים' וואָס ברענגט דעם מענטש צו קיום המצות. צ.ב.ש. ווען מען לערנט פּרשת בראשית לערנט מען אמונה! מען לערנט וויאַזוי צו מקיים זיין די מצוה פון 'אנכי ה' אלקיך'! ווען מען לערנט פּרשת נח לערנט מען די האַרבקייט פון 'גזילה' און דער ענין פון 'שכר ועונש'; דאָס איז אַלעס 'ענפים' פון די מצות! אויסערדעם וואָס מ'איז מקיים 'לימוד התורה' ברענגט דאָס אויך אַז ס'זאָל זיין 'ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים'.

## די הבטחה פון "מספיקין בידו ללמוד וללמד לשמור ולעשות"

אין די ווערטער פונעם של"ה הק' ליגט אַ יסוד נפלא: די משנה זאָגט אין אבות (פ"ד מ"ה) אַז איינער וואָס לערנט בלויז 'על מנת ללמד', וועט ער באַקומען די סייעתא דשמיא בלויז אויף דעם: 'מספיקין בידו ללמוד וללמד'. אָבער איינער וואָס לערנט 'על מנת לעשות' - ער וויל אַז די תורה זאָל אים אויסלערנען וויאַזוי בעסער צו מקיים זיין מצות און אַכט געבן פון לאוין, וועט מען אים צוהעלפן פון הימל: 'מספיקין בידו ללמוד וללמד לשמור ולעשות'.

ס'איז דאָ מענטשן וואָס ליינען קריאת שמע יעדן טאָג אָבער זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט אינזין געהאַט, בשעת זיי האָבן געזאָגט די פּסוקים פון 'ולא תתרו אחרי לבבכם', אַז זיי ווילן דאָס מקיים זיין 'על מנת לעשות'. **אויב וואָלט זיי דאָס אינזין געהאַט וואָלטן זיי באַקומען די סייעתא דשמיא פון 'מספיקין בידו'! דאָס איז דאך די גאַנצע סיבה פאַרוואָס מיר האָבן באַקומען די מצוה פון קריאת שמע**, אַז מען זאָל דורכדעם צוקומען צו 'לשמור ולעשות ולקיים'!

זאָגט אונז דער של"ה הק' אַז **די זעלבע זאַך איז שייך אויך ביי 'מעביר סדרה' זיין!** די עיקר תקנה פון חז"ל אַז מען זאָל לערנען די פּרשה 'שנים מקרא ואחד תרגום' איז געווען פאר אָט דעם תכלית: אַז אַ איד זאל לערנען די תורה אויף אַן אופן פון 'ללמוד וללמד לשמור ולעשות'!

### ◂ אותיות מחכימות ▸

של"ה (שבת נר מצוה אות יז)

וכשקורא שנים מקרא ואחד תרגום, ישים לבו ועיניו להתבונן במה שקורא. הן במצות התורה, הן במדות, הן בדרכי מוסר, הן בכל תועלת אשר יוכל להוציא מכל ענין וענין. ויקרא, כדי ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים.

של"ה בהקדמתו לחלק תורה שבכתב:

בענין גודל המצוה שציוו רבותינו ז"ל להשלים פרשיותיו שנים מקרא ואחד תרגום, בודאי הכוונה הוא ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים. על כן צריך האדם לידע ולהתבונן בכל פרשה ופרשה, ולהבין ענין המצוות הכתובים בזאת הפרשה, הן מצות עשה הן מצות לא תעשה עד תשלום כל התרי"ג. אף שהרבה פרשיות הן שלא נמצא שם איזה מצוה, ואף שאינה מצוה פרטית מתרי"ג, מכל מקום היא מצוה רבה והיא ענף ממצוה שהיא נמנית בתרי"ג, עכ"ל.

ב

# להנאתך ולטובתך; דורכלערנען חומש רש"י איז די זיסטע זאַך פאר אונזער אייגענע טובה

## דער יצר הרע פון 'ענינים'

ס'איז דאָ אַ סאָרט יצר הרע וואָס רופט זיך: "דער יצר הרע פון ענינים".

דהיינו, ווען דער יצר זעט אַז ס'איז דאָ אַ זאַך וואָס איז קריטיש וויכטיג פאַר אידישקייט, און מסתם וועט אַ איד דאָס וועלן מקיים זיין, ווייל ס'איז דאך אַזאַ גוטע זאַך בזה ובבא, איז איינס פון די מהלכי היצר אַז ער קומט אָן און זאָגט פאַר'ן מענטש: "ס'איז דאָ ענינים דערביי", אַזוי אַז דער מענטש ווערט פאַרנומען מיט דעם 'טפל' אַנשטאָט מיט דעם 'עיקר'.

אַזוי שטייט אין ספה"ק **מאור ושמש** (שבועות, ד"ה וכל העם רואים), אַז ביי מתן תורה איז אויך געווען אידן וואָס זענען געווען פאַרנומען מיט די 'קולות וברקים'. דאָס זעט מען יעדע שמחת תורה אַז ס'איז דאָ אַזעלכע מצבים וואו דער יצר הרע פּרובירט אַז אין אַזאַ הויכע טאָג זאָל מען זיין פאַרנומען מיט זייטיגע זאַכן, אבי נישט מיט דער עיקר זאַך אליינס.

## ווען מען איז 'מעביר סדרה' צוליב די 'ענינים' דערפון

דאָס זעלבע איז ווען עס קומט צו מעביר סדרה זיין. אודאי קען מען טרעפן מורא'דיגע סגולות און ענינים וואָס איז דאָ דערביי, און ס'איז אַלעס וויכטיג צו וויסן און געדענקן, אָבער דער מהלך היצר איז אַז דער מענטש זאָל עס קענען בלויז פון די "ענינים"... וויאַזוי ווייסט ער אַז מ'דאַרף מעביר סדרה זיין?! ווייל ביי זיינע רבי'ס למעלה בקודש, ביי די צדיקים פון דעם גזע וואו ער באַלאַנגט, איז געווען אַן ענין אַז מען זאָל דאָס דוקא טון פרייטאָג, אָדער בעפאָר אָדער נאָך די מקוה, ווענדט זיך יעדע פּלאַץ לויט זייער מנהג, און עס זאל דוקא זיין ברציפות די גאַנצע פּרשה אויף אַמאָל און נישט אויסרעדן דערביי, אויב מען האָט מפסיק געווען האָט מען נאָכאַמאָל אָנגעהויבן פון אָנהויב.

אודאי איז געווען צדיקים וואָס האָבן זיך געפירט אַזוי, אָבער **צומאָל, ביי 'אנשים כערכינו' קען דאָס קומען פון אַן 'עצת היצר'!**

דער מענטש איז זיך מחליט דעם ערשטן פרייטאָג נאָכמיטאָג פון דאָס יאָר, ערב שבת בראשית, אַז ער גייט דאָס מקיים זיין בשלימות, ער גייט מעביר סדרה זיין ברציפות אָן אויסרעדן; ווער רעדט נאָך אַז ער טוט עס אָנגעטון מיט די 'רבינו תם' תפילין. עס קומט אים אָן זייער שווער אָבער ער ציעט אָן עטליכע וואָכן, ביז ס'קומט אונטער אַ שבת וואָס ער דאַרף אַוועקפאָרן פון שטוב, שבת וישלח האָט ער פונקט אַ 'שבת שבע ברכות' וכדומה, ער האָט ממש זייער שטאַרק געוואָלט מעביר סדרה זיין אויף דעם אופן, אָבער למעשה האָט ער נישט געטראָפן קיין צייט אין דעם קורצן פרייטאָג נאָכמיטאָג. שוין אָפּגערעדט ווען מען טוישט דעם זייגער צו די ווינטער זמן, איז דאך ממש נישטאָ קיין צייט... זייער אַסאַך מענטשן קענען זאָגן יעדעס יאָר ביי וועלכן פּרשה זיי האָבן פאַרלוירן דעם קביעות, למעשה טרעפן זיי זיך ווען מ'ליינט 'וזאת הברכה' און זיי שעמען זיך אַביסל...

**דאָס איז דאך אַ ריזיגע 'עצת היצר', וואָס האָט געמאַכט אַז דער מענטש זאל לויפן צו די 'ענינים' און לכבוד דעם האָט ער פאַרפעלט גאַנצע יסודות פון אידישקייט!**

דער פּראָבלעם איז נישט בלויז אַז ער האָט נישט מעביר סדרה געווען, ס'איז אַסאַך אַ טיפערע פּראָבלעם, אַז דער מענטש קען זיך טרעפן ביי די פופציג יאָר און ער הערט ביי אַ דרשה אַ שיינע דערהער וואָס איז אים אַ געוואַלדיגע חידוש. ער זאָגט: "דאָס איז דאך אַ מורא'דיגע געדאַנק, ס'האָט מיך זייער שטאַרק געהאָלפן פאר מיין אידישקייט, פון וועמען האָט עס דער בעל דרשן נאָכגעזאָגט?", און **ער ווייסט גאָר נישט אַז דאָס איז אַן אָפּענע**

**פסוק אין חומש! ס'איז דיר פשוט קיינמאָל נישט אויסגעקומען אין דיין לעבן צו לערנען דעם פסוק!** וויאַזוי זאָלסטו עס וויסן?! ווען דער מלמד האָט דאָס געלערנט אין חדר ביזטו געווען אַכט יאָר אַלט, און שפּעטער ווען דו האסט איין יאָר מעביר סדרה געווען האָסטו אַגאַנצע צייט געקוקט אויפ'ן זייגער און אויף די בלעטער ווען עס ענדיגט זיך שוין... ס'איז דאך אַזאַ שאָד אַז האסט געדאַרפט וואַרטן ביז די פופציג יאָר צו הערן דאָס וואָרט!

## לערנען חומש רש"י איז אַזוי זיס און וויכטיג

דער חינוך און דער של"ה הק' זאָגן אונז: **מעביר סדרה זיין איז די זיסטע, בעסטע און געשמאַקסטע זאַך וואָס קען נאר זיין!** טו זיך אליינס אַ טובה און זיי מקדיש געוווג צייט אַז דו זאָלסט דאָס קענען לערנען מיט אַ רואיגקייט!

מיר דאַרפן אָנהויבן אָנקוקן די זאַך ריכטיג, און אויסשטעלן אַ סדר ווען און וויאַזוי צו לערנען די הייליגע פּסוקים פון דער תורה במתינות!

דער רבוש"ע איז דאך אַזוי נאָנט צו אַ מענטש, ער האָט אונז געגעבן די תורה ווייל ער וויל אונז גליקליך מאַכן, אשר נתן לנו תורת אמת. **די אַלע פּסוקים איז וויכטיג פאַר דיין פּערזענליכע לעבן!** דער רבוש"ע לערנט עס מיט אונז, המלמד תורה לעמו ישראל! וויאַזוי קענען מיר זיך מתעלם זיין דערפון?!

מיר דאַרפן דאך אַזוי וויכטיג לערנען חומש רש"י, מיט'ן רמב"ן און מיט דעם אור החיים הק'! **דאָס איז נישט סתם לשם 'ידיעות', נישט ווייל ס'איז אַ 'סגולה', און נישט ווייל ס'העלפט פאר 'ישועות'** - אודאי איז אַלעס אמת אַז ס'ליגט אין דעם אויך ענינים מיט סגולות - אָבער בעיקר דאַרף מען מעביר סדרה זיין כדי צו באַקומען יראת שמים מיט די ריכטיגע דעת וויאַזוי צו דורכגיין דאָס לעבן!

## די געשיכטע מיט דעם מלמד וואָס וויל זיך נישט לערנען

לאָמיר זיך פארשטעלן אַ מעשה מיט אַ נייער מלמד, דאָס ערשטע יאָר וואָס מען האָט אים אויפגענומען. דער מלמד האָט משקיע געווען זעקס שעה צו אָנגרייטן דאָס לערנען. ער האָט אַריינגעאַרבעט אַ גאַנצע נאָכמיטאָג און אַ נאַכט צו אַהערשטעלן משלים מיט בילדער, אַז מאָרגן ווען ער גייט צום ערשטן מאָל גיין אין חדר זאָל עס זיין מיט הצלחה.

למעשה קומט ער אָן אין חדר און אַלע קינדער שפּרינגען אים אויפ'ן קאָפּ, קיינער הערט נישט קיין וואָרט און קיינעם אינטערעסירט נישט זיינע משלים און הסברים. נאָך אַ שטיקל צייט באַקלאָגן זיך שוין אויך די עלטערן מיט טענות אַז די קלאַס פּאָרט אויף רעדער, דער מנהל ווערט אַריינגעמישט און מ'דאַרף נישט מסביר זיין אַז די צער און עגמת נפש פון דעם מלמד איז 'אין לשער'.

ער זעט אָבער אַז אין דער אַנדערער כתה פון דעם זעלבן יאָרגאַנג איז דאָ אַ לאַנגיעריגער מלמד וואָס אין זיין כתה איז אַלעמאָל רואיג און די קינדער הערן זיך שיין צו. פרעגט ער דעם אַנדערן מלמד צי ער האָט זיך אויך צוגעגרייט זעקס שעה פאר די לימודים, זאָגט אים יענער מלמד: "וואָס זעקס שעה?! איך האָב נעכטן נאַכט געהאַט אַ חתונה, איך האָב זיך כמעט נישט געקענט אָנגרייטן"...

דער נייער מלמד וואונדערט זיך: "וויאַזוי קען דאָס זיין?! וואו איז יושר?!" איז אים דער עלטערער מלמד מסביר: "כ'וועל דיך זאָגן דעם אמת, כ'בין שוין 15 יאָר אַ מלמד און איך האָב זיך געלערנט פון ערפאַרונג! זיך צוגרייטן 6 שעה איז טאַקע אַ מורא'דיגע זאַך, עס ווייסט אויף אַן ערנסטקייט פון אַ מלמד, אָבער דאָס מיינט נישט אַז די קינדער גייען יעצט האָבן דיסציפּלין... ס'איז דאָ דערויף כללים וויאַזוי מ'רעדט אין קלאַס אַז די קינדער זאלן איינזיצן רואיג."

דער ערפאַרענער מלמד זאָגט ווייטער פאַר'ן נייעם מלמד: "ווילסט זיך גרינגער מאַכן דאָס לעבן?! גיי צו אַ 'קורס' פון הדרכה פאר מלמדים! טו אַ מצוה, נישט בלויז פאַר דעם מנהל און פאר די קינדער, נאר פאר דיך אליינס! ס'איז כדאי דאָס איינמאָל צו טון, ווייל דו וועסט זיך שפּעטער פּשוט מחי' זיין! די קינדער וועלן דיך ליב האָבן, זיי וועלן דיך אַלעמאָל געדענקן! יאָרן שפּעטער וועלן זיי צוקומען אַלס אינגעלייט דערציילן אַז ס'ליגט זיי נאָך אין די ביינער די ווארימקייט וואָס דו האָסט אין זיי אַריינגעלייגט! ס'איז דאָ זאַכן וואָס מ'קען זיך לערנען דורך די ריכטיגע הילף! נישט אַלעס ווייסט מען אליינס וויאַזוי צו טון!"

ס'איז אַריבער צוויי יאָר וואָס די צוויי דינגען זיך, און דער נייער מלמד איז נאָכנישט געווען פאר הילף, ער זאָגט אַז ער וואָלט געוואָלט גיין אָבער ער האָט ממש נישט קיין צייט... דאָ האָט ער אַ חברותא און דאָ איז ער סתם אַזוי פאַרנומען...

ענדליך, נאָך צוויי יאָר, ווען דער מנהל סטראַשעט שוין אַז מ'גייט אים אַרויסוואַרפן, איז ער מחליט אַז ער גייט יאָ צו דעם 'קורס'. אָבער בשעת ער איז דאָרט, זיצט ער מיט אַ משניות'ל, ווייל ער האָט זיך אונטערגענומען אַז ער דאַרף ענדיגן 'מסכת כלים' צו דער יאָרצייט פון זיין זיידע... ער האָט געפאָלגט וואָס מ'הייסט אים, ער איז געווען ביים 'קורס' און ער האָט אפילו געצאָלט געלט דערפאַר, אָבער ער האט דאָס נישט גענומען ערנסט. עטליכע טיפּס וואָס מ'האָט דאָרט געזאָגט האָט ער שוין סייווי געוואוסט פון פאַרדעם, און ס'זעט אים נישט אויס אינטערעסאַנט די גאַנצע זאַך...

**מעביר סדרה זיין איז די זיסטע, בעסטע און געשמאקסטע זאַך וואָס קען נאר זיין!**

## לאָמיר נישט איבערמאַכן דעם זעלבן טעות פון דעם אומערפאַרענעם מלמד

ליידער לעבן מיר פונקט אַזוי ווי יענעם מלמד; יאָר נאָך יאָר טוען מיר די זעלבע זאַך!

**מיר האָבן אַ הייליגע תורה, וואו עס שטייט אן ענטפער פאר יעדע פּראָבלעם פון אונזער לעבן!** אין דער תורה שטייט אַ פּונקטליכע הדרכה וויאַזוי מיר קענען לעבן גליקליך! מען דאַרף נישט אויסטרעפן קיין גימטריא אָדער רמזים, **ס'איז אָפענע פּסוקים, ס'איז אַזוי געשמאַק און זיס!** מען דאַרף זיך פּשוט אַראָפּזעצן און דאָס לערנען!

אָבער דער מענטש זאָגט: "וואָס זאָל איך טון?! כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת אַז כ'האָב נישט קיין צייט צו מעביר סדרה זיין! כ'האָב ב"ה אַ קינדער געבענטשטע שטוב, און כ'קען נישט זיין קיין אכזר צו אַנטלויפן פרייטאָג נאָכמיטאָג אויף צוויי שעה! כ'האָב זיך טאַקע צוגעזאָגט אַז פרייטאָג צונאַכטס גיי איך לערנען חומש רש"י אָבער כ'האָב זיך געטראָפן איינגעדרימלט נאכ'ן בענטשן, ווען כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען שבת אינדערפרי..."

די אַלע תירוצים איז גוט ווילאַנג די זאַך איז אַ געוויסע סאָרט ענין אָדער סגולה... מען דאַרף אָנהויבן פאַרשטיין אַז דאָס איז נישט די ריכטיגע הגדרה אויף מעביר סדרה זיין! העברת הסדרה איז אַסאַך מער ווי עפּעס אַן "ענין"!

## די פּסוקי התורה האָבן אַ לעזונג אויף אַלע אונזערע פּראָבלעמען

ווען מען וועט פרעגן פון אַ מענטש: "קענסט מיך זאָגן דריי זאַכן, וואָס דו מוטשעסט זיך דערמיט יעצט אין דיין לעבן?", וועט דער מענטש זאָגן: "הלואי ס'זאָל זיין בלויז דריי זאַכן... איך האָב צוועלף זאַכן וואָס באַדערט מיך יעצט, אָנדעם וואָס כ'זאָל אפילו דאַרפן אָפּציילן... כ'האָב דאך אַזויפיל טרדות און שוועריגקייטן".

פאר אַזאַ איד איז וויכטיג צו וויסן אַז: "**אויב דו גייסט לערנען חומש רש"י גייט דאָרט שטיין אַן ענטפער און אַ לעזונג אויף דיינע פּראָבלעמען!** נישט אַלס די סגולה דערפון, נאר פּשוט דו גייסט דאָרט טרעפן תשובות! **אויב דו וועסט לערנען אַביסל 'אור החיים הק' וועט דאָס אַוועקשטעלן דיין קאָפּ ריכטיג! עס וועט מסדר זיין אַלע צוועלף פּראָבלעמען!** דו גלייבסט נאָכנישט דערינען, ווייל האסט עס נאָכנישט געטון! אויב דו וועסט אָנהויבן עס טון ריכטיג וועסטו זען אַז דאָס איז אמת לאמיתה!"

מען דאַרף פּשוט מעורר זיין דעם מענטש וואָס מוטשעט זיך מיט פּראָבלעמען: **טו אַ מצוה פאר זיך אליינס, און הייב ביטע נישט אָן צו לערנען חומש רש"י אום פרייטאָג נאָכמיטאָג!** אַז דו ווילסט האָבן דעם ענין דערפון לשם סגולה, קענסט עס צולייגן אלס אן ענין און אַזוי דארף טאַקע זיין, אבער אויסערדעם הייב אָן צו לערנען די סדרה פריער אין דער וואך! אויב דו וועסט אָנהויבן בלויז ערש"ק נאָכמיטאָג וועט עס טאַקע זיין געוואַלדיג, אָבער ווען דו וועסט אָנקומען צו די פּסוקים נאָך 'שלישי' וועט דיין קאָפּ שוין נישט אַרבעטן, וועסט שוין נישט קענען געהעריג דורכלערנען יעדע רש"י מיט די ריכטיגע הבנה!

להצטרף לקבלת השיעורים או החוברות באימייל ולשלוח הערות: ארה"ב. 718.387.1122 | א.י. 03.3096216 | Email. info@machonhavineini.com
קול הביני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223